# א מעשה'לע

גליון י"ב
פרשת נשא תשפ"ו
וועכענטליכע גליון
געאייגנט פאר קינדער

## דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

'אוֹי, עֶס אִיז אַזוֹי הֵייס, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ, אִיךְ שְׁוִויץ, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין לוּפְט; אֶפְשָׁר אוֹיפְן בַּארְג דָארְט אִיז דָא לוּפְט, אִיךְ וֶועל אַרוֹיפְקְרִיכְן אוֹיפְן בַּארְג אוּן בֶּעטְן מַיין טָאכְטֶער זָאל מִיט מִיר מִיט קוּמֶען אוּן מִיר בְּלָאזְן מִיטְן גְרוֹיסְן פֶּען'.

"טָאכְטֶער זִיסֶע, אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ מַאכְן פַאר טַאטִי לוּפְט? טַאטִי שְׁוִויצְט, טַאטִי הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ, קוּם מִיט מִיר אוֹיפְן בַּארְג אוּן בְּלָאז מִיךְ מִיטְן גְרוֹיסְן פֶּען, אוּן אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבְּן אַ בִּינְטְל פוּן שְׁמֶעקֶעדִיגֶע בְּשָׂמִים".

קִינְדֶער טֵייעֶרֶע, אַמָאלִיגֶע צַייטְן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין



אָה... שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!

עֶירְקָאנְדִישְׁן, אוֹיךְ נִישְׁט קַיין עֶלֶעקְטֶערִיק, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וִוי הַיינְט אַז מֶען קֶען אָנְצִינְדְן אַ פֶען וָואס מַאכְט לוּפְט. אִין דִי הֵייסֶע טֶעג אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער, מֶען הָאט בַּאקוּמֶען קָאפּ שְׁמֶערְצְן.

דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (בָּבָא מְצִיעָא פו.), דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן חֲלַפְתָּא אִיז גֶעוֶוען אַ פִּילֶער מֶענְטְשׁ, אֵיינְמָאל זוּמֶער אִין דִי גְרוֹיסֶע הִיצְן הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן זַיין טָאכְטֶער זָאל אִים בְּלָאזְן לוּפְט, אוּן דֶערְפַאר וֶועט עֶר אִיר בַּאצָאלְן זֶעקְלֶעךְ שְׁמֶעקֶעדִיגֶע בְּשָׂמִים (פֶּערְפִיוּם).

פְלוּצְלוּנְג הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בְּלָאזְן אַ קִילֶע ווִינְטְל, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק הֵייבְּט אוֹיף זַיינֶע הֶענְט אוּן זָאגְט הוֹיךְ: "**שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי פֵיינֶע לוּפְט, שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי קִילֶע ווִינְטְל; ווִיפִיל זֶעקְלֶעךְ בְּשָׂמִים דַארְף אִיךְ דִיר גֶעבְּן אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי פֵיינֶע פְרִישֶׁע לוּפְט וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר שְׁטֶענְדִיג...**"

קִינְדֶער, דִי מַעֲשֶׂה לֶערְנְט אוּנְז מִיר זָאלְן זִיךְ עֶפֶענֶען אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן אוּן אָנְהוֹיבְּן זֶען דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אוּנְז; אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי פֵיינֶע פְרִישֶׁע לוּפְט וָואס מִיר אָטֶעמֶען אַזוֹי טִיף, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דַארְפְן מִיר אִים דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן.

# ספר המידות

## הַכְנָסַת אוֹרְחִים - חלק א'

ג. הַכְנָסַת אוֹרְחִים מְזַכָּה אֶת הָאִשָּׁה לְבָנִים.



ג. דוּרְכְ'ן אַרייַנְנֶעמֶען גֶעסְט, אִיז אַ פְּרוּוי זוֹכֶה צוּ הָאבְּן קִינְדֶער.


קול ברסלב

212.444.9191

845.351.0910

צו באקומען דעם גליון רופט קרן הדפסה היכל הקודש: 718.387.2691